# צום פינטל

גליון נט
פרשת ויגש תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### יוסף הצדיק - א 'טיילער' און א נעמער

### • יוסף איז א 'טיילער'

יוסף הצדיק איז א 'טיילער', ער טיילט מוציא'ס פארן עולם, 'יוסף הוא השליט הוא המשביר', אבער יוסף איז אויך א גוטע 'נעמער', יוסף האט איינגעזאמעלט די געלט פון די גאנצע וועלט צו זיך, ער האט איינגעזאמלט אוצרות'ן פון תבואה צו זיך, ער האט אפגעקויפט גאנץ מצרים פאר עבדים פאר די מלוכה. ווי גוט אונז קענען 'יוסף הצדיק' אלץ א 'טיילער', נאך אזוי גוט איז ער געווען א 'זאמלער', ער האט גאר גוט געקענט אלעס שלעפן אלעס צו זיך. ביידע כוחות טרעפן אונז ביי יוסף הצדיק, א גוטע 'טיילער', און אויך א גוטע 'נעמער'. (וילקט יוסף את כל הכסף' שקיבץ כל הניצוצות).

א שלמות'דיגע 'טיילער' דארף קענען אויך גוט 'נעמען', אז מ'טיילט סתם אין די וועלט אריין, אַנדעם וואס מ'זאל צוריק נעמען עפעס, איז נאך א קורצע צייט ווערט מען אויסגעברענט, א 'טיילער' בלי גבול איז נישט קיין אמת'ער 'טיילער', נאך אביסל טיילן ווערט ער אויסגעליידיגט. א 'נעמער' אליינס איז אויך נישט א גוטע זאך, די שלמות איז אז ס'זאל זיין א באלאנס צווישן די כוחות, 'טיילן' פאר אנדערע, אבער קענען אויך גוט צוריק 'נעמען' פאר זיך.

ווען מ'לערנט פרשות ויגש באדערט צומאל, פארוואס האט נישט יוסף געטיילט מוציא'ס פאר יעדן בחנם, וואס איז פשט אז ער האט פארלאנגט פון די מצריים אזעלכע שווערע זאכן, די מצריים האבן זיך געדארפט בעטן פאר יעדעס ביסל עסן, און נישט סתם בעטן, נאר זיך בעטן מיט לעבן אין די הענט, פאר יעדער קלייניגקייט האט יוסף פארלאנגט גאר אסאך אויף צוריק. מ'שטייט דאך דא אין א הונגער יאר!! מ'האט ספעשיל אוועקגעלייגט פארן עולם!! ווי ציפט אזוי אויס דעם עולם, נאכדערצו אז מ'מאכט גאנץ מצרים פאר 'עבדים', וויאזוי פארשטייט מען אזא זאך?

און א יוד טראכט אזוי צו זיך, ווען איך זאל ווען פירן מצרים וואלט איך געטיילט עסן בחנם, די אוצרות זענען פיל, דער עולם איז אויסגעהונגערט, וואס איז די ענין ארויסצוגעבן סחורה אזוי שווער, יוסף איז דאך דער "טיילער" בה"א הידוע, איז ווי איז זיין כח פון 'טיילן'. (בעצם איז די קשיא א 2023 קשיא, אין יענע צייטן איז נישט געווען די אלע השגות פון גיסען עסן אזויווי ס'איז היינט דא, בפרט אז די מלוכה האט דאך אינוועסטירט אין חרישה זריעה וקצירה, צו בויען אוצרות, און נאך פארשידענע זאכן, מ'האט געדארפט געלט צוריק צו צאלן).

> **די גמרא (חולין דף ז ע"ב) זאגט אז 'דער וואס האט - טיילט נישט - און דער וואס טיילט - האט נישט', דער וואס האט געלט - טיילט נישט, און דער וואס טיילט - האט נישט**

### • די וועלטס 'טיילער'

אלא מאי, יוסף איז געווען א גוטע סוחר, ער האט גוט אכטונג געגעבן אז די סיסטעם זאל נישט ווערן 'עביאסט', א 'טיילער' וואס טיילט אין די וועלט אריין, קען מען גוט אויסנוצן און 'איביאַזן', יוסף האט גוט מסדר געווען די זאך, ער האט גוט אכטונג געגעבן צו בלייבן אין קאנטראל פון די זאך, ער זאל קאנטראלירן דעם עולם, נישט די עולם זאל אים קאנטראלירן.

איך בין טאקע א 'טיילער', אבער איך מוז נישט זיין 'מיסטער 'טיילער'', און איך פארלאנג אז די זאלסט מיר צוריק געבן פארן טיילן, אז די האסט נישט וואס צוריק צו געבן, דאן געב דיך אליינס פאר א עבד, זיי משעבד דיינע קרקעות.

דער אייבישטער כביכול געט 'שפע' פאר די וועלט, אבער ער וויל אויך צוריק כביכול, ווי ס'איז מבואר אז דער אייבישטער דארף אונזער 'איתערותא דלתתא', ער דארף אונזער הודאה כביכול, ער וויל צוריק פון די תחתונים כביכול.

צומאל בארגט דער אייבישטער אויס 'שפע', אפילו ס'איז נישט דא יעצט קיין 'איתערותא דלתתא', מיט'ן חשבון אז שפעטער וועט עס שוין דער מענטש משלים זיין, ער טראסט זיין וועלטל אז מ'וועט עס שוין שפעטער אפצאלן (כמבואר בספרים), אבער סוף כל סוף פארלאנגט ער אויף צוריק כביכול. דאס הייסט אז סתם 'טיילן' אין די וועלט אריין, איז נישט די ריכטיגע השקפות התורה, קדושה איז טיילן מיט א חשבון במידה ובהגבלה, אויב נישט איז עס 'חסד דקליפה' און ס'באלאנגט נישט צו קדושה.

אונז לעבן היינט אין אמעריקע, אמעריקע האט זיך אוועקגעשטעלט אלץ די וועלטס 'טיילער', זיי מוזן זיין דער 'טיילער' פון די וועלט, צו ס'איז דא געלט צו געבן אדער נישט, צו מ'איביאַזט' זיי צו נישט, נישט קיין חילוק, זיי מוזן זיין 'מיסטער 'טיילער''. דאס איז 'חסד לאומים חטאת', 'חסד' און 'השפעה' וואס ברענגט א 'חסרון' (חטאת מלשון חסרון), היינט טיילסטו און מארגן ביסטו אויסגעליידיגט. א אמת'ע 'טיילער' בקדושה געט במדה ובהגבלה, אין די ריכטיגע צייט, פאר די ריכטיגע מקבלים. אפילו 'צדקה' האט אויך א מהלך, מעשר חומש, פאר עניים הגונים דוקא, ס'דא צוועקן וואס איז ענדערשט און קומען פאר אנדערע כו', נישט סתם אין די וועלט אריין א געטיילכץ.

המשך בעמוד הבא

### ◆ דער וואס האט – טיילט נישט

די גמרא (חולין דף ז ע"ב) זאגט אז 'דער וואס האט - טיילט נישט – און דער וואס טיילט - האט נישט', דער וואס האט געלט – טיילט נישט, און דער וואס טיילט – האט נישט.

בדרך הטבע איז א 'נעמער' און א 'טיילער' צוויי פארקערטע כוחות, ס'איז אזוי פארקערט אז ס'איז גאר שווער צו האבן ביידע, איינער וואס איז פון נאטור א 'נעמער', ער פארשטייט גוט וויאזוי צו שלעפן נעמען און זאמלען, אריינצושלעפן די גאנצע געלט צו זיך, אזא איינער איז אים שווער צו געבן, זיינע כוחות ציען אים אויף אריין, און פארקערט, איינער וואס זיינע כוחות איז צו געבן, ער איז פאר'חלש'ט ווי נאך מ'קען געבן, אזא איינער האט געווענטליך נישט וואס צו געבן, ווייל וואלט ער ווען געהאט וואס צו געבן, וואלט ער עס שוין פון לאנג געווען אוועקגעגעבן.

די צוויי כוחות זענען פארקערטע כוחות, אדער האסטו די כוחות פון 'ארויס', צו טיילן און ארויסגעבן, אדער האסטו די כוחות פון 'אריין', אריינצונעמען און איינצוזאמלען. דער וואס זיין נאטור איז אויף ארויס, איז בהכרח אים שווער אויף אריין, און דער וואס זיין נאטור איז אויף אריין, איז אים בהכרח שווער אויף ארויס. אבער יוסף האט געהאט ביידע כוחות, א גוטע 'נעמער' און א גוטע געבער.

די גמרא פארציילט (דארט אין חולין) אז רבי האט איינגעלאַדנט ר פנחס בן יאיר צו קומען עסן ביי אים, און ר פנחס בן יאיר האט אנגענומען די איינליידענונג, איז רבי געווארן זייער פרייליך (ר' פנחס בן יאיר פלעגט נישט עסן ביי קיינעם, און דא האט ער די זכיה אז ער נעמט אָן זיין איינלאדענונג). האט ר פנחס בן יאיר געזאגט פאר רבי וואס מיינסטו, די מיינסט אז איך עס נישט ביי יודישע קינדערלעך, חס ושלום, 'ישראל קדושים הם', איך האב נישט קיין פראבלעם צו עסן ביי יודישע קינדערלעך, נאר ס'איז דא דער וואס געט און ער האט נישט, און ס'איז דא דער וואס האט און ער געט נישט, ממילא האב איך נישט ליב צו עסן ביי קיינעם, דער ערשטער ווייל ער האט דאך נישט גענוג, און דער צווייטער ווייל ער געט נישט בלבב שלם.

אבער ביי דיר רבי, וואס די האסט ביידע, די האסט סיי אנגעזאמעלט אסאך פארמעגן, און די געבסט אויך פאר אנדערע, ביי דיר קען איך עסן רואיג. איז וואס מ'זעט פון די גמרא די אונטערסאנטע יסוד אז דאס איז צוויי פארקערטע כוחות און נאר רבי האט געהאט די ביידע כוחות, און דאס איז וואס אונז טרעפט מיר ביי יוסף הצדיק, ביידע כוחות, די כוח פון טיילן און נעמען.

א מאן און פרוי זענען צוויי פארקערטע כוחות, אעשה לו עזר כנגדו, דער מאן איז א 'טיילער' און די פרוי איז א 'נעמער', און יעדער האט נאר איינס פון די צוויי כוחות, אדער א 'נעמער' אדער א 'טיילער', אזוי אויך ווען ס'קומט צו נאטורן בנפש, איינער וואס איז א נעמער בטבע, איז אים זייער שווער די טיילן, און איינער וואס איז א 'טיילער', איז אים זייער שווער די נעמען. אבער דא זעט מען א חידוש ביי יוסף הצדיק, ווי יוסף הצדיק האט געהאט ביידע כוחות, ער איז געווען דער שפיץ 'טיילער', און דער שפיץ נעמיה, יעדער כח האט ער גענוצט אין די ריכטיגע פלאץ און אין די ריכטיגע צייט.

### ◆ אלעס פאר פרעה

א אינטערסאנטע זאך זעט מען ביי יוסף אז אלעס איז געגאנגן דורך פרעה, נאר מיט די רשות פון פרעה האט ער געשיקט עסן פאר זיין טאטע און ברידערס, 'ויאמר פרעה אל יוסף אמר אל אחיך זאת עשו וכו', קחו לכם מארץ מצרים עגלות וכו', על פי פרעה וכו', א גאנצע צייט חזר'ט זיך אז אלעס איז געווען דורך פרעה. אויך די גאנצע געלט האט ער געברענגט פאר פרעה, 'ויבא יוסף את הכסף ביתה פרעה' (מז יד), אלעס האט זיך געדרייט ארום פרעה.

בדרך מליצה קען מען זאגן אז ווען א מענטש מאכט געלט און עס בלייבט ליגן ביי אים אין טאש, גייט עס שנעל אויס, דא קומט עפעס אונטער, דארט קומט עפעס אונטער, אבער ווען די געלט ליגט נישט ביי אים, איז עס מער אפגעהיטן, די געלט רינט נישט אזוי שנעל ארויס.

יוסף האט גוויסט אז ער איז א געבוירענע 'געבער' און א 'טיילער', איז אויב די געלט וועט בלייבן ליגן ביי אים, וועט עס ערגעץ ווי ארויסליקן, האט ער אלעס אריינגעלייגט אין פרעה'ס אקאנט, ממילא האט די זאך געהאט א קיום.

און ס'איז מבואר אין חז"ל אז ווען די יודן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי באקומען פון די דאזיגע געלט, די געלט האט געהאט א נצחיות'דיגע קיום.

### ◆ יוסף און יהודה

די ספרים הקדושים זענען מסביר וואס ס'האט זיך אלץ אפגעטון ביי די 'פגישה' פון יהודה מיט יוסף, יוסף איז דער 'טיילער', און יהודה איז דער 'נעמער', צוויי פארקערטע כוחות, און דא איז געווען גאר גרויסע זאכן אז די צוויי כוחות האבן זיך צוזאם געקומען.

מ'קען זאגן אז דאס האט געגעבן כח פאר יוסף צו זאגן דעם 'אני יוסף', ווייל בעצם האט יוסף מורא געהאט אז זיי ווילן אים נישט בכלל, זיי האבן דאך אים פארטראסקעט, אבער יעצט ווען יהודה האט זיך דערנענטערט צו יוסף מיט אזא צובראכן הארץ, האט יוסף געפילט אז די הארץ פון די ברידערס האבן זיך געפענט פאר אים, דאס האט אים בארואיגט זיך צו קענען אנטפלעקן פאר די ברידערס. דאס וואס יהודה האט איז געווארן ווייעך וואס דאס איז די כח פון א 'נעמער', דאס האט געגעבן רואיגקייט פאר יוסף אז יהודה איז גרייט אים אריינצונעמען און אים 'עקספעטין'. ממילא האט זיך יוסף אנטפלעקט, אני יוסף, ענק זענען גרייט צו זיין מיינע 'נעמערס', און איך בין גרייט צו זיין ענקער 'געבערס' וואס דאס איז יוסף דער געבער און 'טיילער'.

די היינטיגע בעלי דרשנים זאגן אלץ "זיי א געבער", א גאנצע טאג הערט מען דעם ניסוח איבעראל 'זיי א געבער', איז קודם איז דאס צוויי נאטורן, און מיט יעדער נאטור קען מען דינען דעם אייבערשטן, אז אלע ווילן זיין געבערס, ווער וועט זיין די 'נעמערס', ס'מוז זיין נעמערס, מ'קען דינען דעם אייבערשטן אויך מיט די נאטור. אזוי'ווי יוסף און יהודה, וואס די נאטור פון 'יוסף' איז א געבער, און די נאטור פון יהודה איז א 'נעמער', און יעדער האט זיין תפקיד אויף די וועלט.

איז צוריק צו פריער, דער כוח פון טיילן דארף אנקומען צו די כח פון 'נעמען', סתם טיילן אין די וועלט אריין אָן דעם וואס מ'זאל אלץ זיין א 'נעמער', איז נישט קיין מעלה, 'טיילן' און געבן בשעת דער 'נעמער' וויל זיך אָפּנעמען זיינס און אָפטראגן פונעם שטח, אויף אזא פאל איז נישט 'טיילן' א מעלה, ווייל

המשך בעמוד האחרון

## מ'מאפט קיין מצרים

אין די פרשה פארציילט די תורה ווי יעקב אבינו מיט זיין גאנצע הויז געזונד האבן געמאָפט קיין מצרים. מאָפן איז נישט קיין גרינגע זאך, נישט בגוף און נישט בנפש, בגוף איז פשוט שווער זיך צו שלעפן מיט זאכן פון איין פלאץ צום צווייטן, און בנפש איז דא שווערע פחדים, ווער ווייסט צו מ'וועט מצליח זיין אין די נייע פלאץ, און זיך פריש 'קונה שם' זיין, טרעפן נייע חבירים און ידידים, מאכן פרישע קשרים מיט די שכנים וכו'.

די חז"ל זאגן טאקע אז 'משנה מקום משנה מזל', א 'שינוי מקום' איז א גוטע 'אפעטאנערי' פאר א שינוי מזל, מ'פאנגט אָן פון פריש, און זאכן קענען זיך טוישן צום גוטן. אבער צומאל איז פארקערט, אין די ערשטע פלאץ האסטו געהאט עטוואס א גוטע מזל, און יעצט אז מ'פאנגט אָן פון פריש קען קומען א נישט א גוטע מזל, ווער ווייסט צו די 'שינוי מקום' וועט געלאנגן צום גוטן. א 'שינוי מקום' איז א 'שינוי', אבער ס'איז דא א פחד ווער ווייסט ווי די 'שינוי' וועט דיך פירן (מ'זאגט נאך פון סאטמערע רב זצ"ל אז ער פלעגט נישט ענטפערן ווען איינער האט געפרעגט וועגן מאָפן צו א פרישע פלאץ, אויב ס'איז ממש געפערליך, לוינט זיך אפשר אויסצופראבירן, אפשר אין די נייע פלאץ וועלן זאכן זיך טוישן לטובה, אבער סתם אזוי קענסטו נישט ווייסן, ווער זאגט אז די 'שינוי' וועט זיין לטובה).

'מאפען' קען זיין א פרייליכע זאך, און צומאל פארקערט, על פי רוב איז א נייע דירה א פרייליכע זאך, ווי מ'זעט אז די ימי הספירה און אין די ימי בין המצרים, פירט מען זיך אז מ'גייט נישט אריבער צו א נייע דירה ווען שמחה, אויך איז די הלכה אז א אייגענע נייע דירה מאכט מען א 'שהחיינו', 'בנה בית חדש וקנה כלים חדשים מברך שהחיינו'. אבער די שמחה איז נאר אנפאנג ווען מ'מאָפט, בשעת'ן מ'מאכט דעם טויש איז מען פריילער, אבער מיט די צייט ווען מ'קומט מער אריין אין די 'ריעליטי', דאן קען א טויש צו א נייע פלאץ זיין זייער שווער.

יעקב אבינו האט געמאָפט קיין מצרים, אָנפאנג איז געווען זייער פרייליך אז מ'גייט זיך טרעפן מיט יוסף וכו', אבער די עצם אראפגיין גיין מצרים איז געווען א מורא'דיגע 'ירידה', ווי די פסוקים ריפן אלץ אָן די אראפגיין ווי א 'ירידה', 'אנכי ארד עמך וגו'. נאר ס'איז געווען 'אנוס על פי הדיבור', קיין צוויי ברירות איז נישט געווען, דאס איז געווען די 'גזירת עליון', 'ראוי היה יעקב לירד בשלשלאות של ברזל', אז מ'מוז גיין גייט מען.

אריבער גיין א דירה איז גאר שטארק משפיע אויף די קינדערלעך. ביי עלטערע מענטשן זענען זאכן שוין נישט אזוי 'מעדזשיר', אבער ביי קינדער איז אלעס זייער 'מעדזשיר', און מאָפן במיוחד איז גאָר שטארק 'מעדזשיר', ס'לאזט איבער אויף די קינדער א שטארקע רושם, צומאל איז עס משפיע 'לטב' און צומאל 'למוטב' ח"ו. און דאס איז אודאי געווען פון די סיבות פארוואס יעקב אבינו האט מורא געהאט אראפצוגיין קיין מצרים, ווייל ווער ווייסט וואס דאס וועט משפיע זיין אויף די קינדער און אייניקלעך.

איז אויפן וועג האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דארפסט נישט מורא האבן, 'אל תירא מרדה מצרימה, כי לגוי גדול אשימך שם', אין מצרים גייט ווערן פון דיר א גרויסע ערליכע יודישע פאלק, מצרים איז טאקע א ירידה, אבער איך וועל זיין מיט ענק צו מאכן זוכער אז די מאָפן זאל זיין נאר לטובה, ס'זאל נישט ארויסקומען פון דעם קיין שום שלעכטס, די קינדער און אייניקליך זאלן ווערן ערליך ערצויגן.

> **'משנה מקום משנה מזל', א 'שינוי מקום' איז א גוטע 'אפעטאנערי' פאר א שינוי מזל, מ'פאנגט אָן פון פריש, און זאכן קענען זיך טוישן צום גוטן**

## נישט אהין און נישט אהער

מאָפן איז א גרויסע טירחא ווי ס'איז מבואר אין הלכה (הלכות חול המועד סימן תקל"ה), אויסליידיגען די ערשטע פלאץ, און אנפילן און מסדר זיין די פרישע פלאץ, איז גאר א גרויסע טירחא, און כל שכן מאָפן פון איין שטאט צום צווייטן וואס ס'איז נאך סאך א גרעסערע טירחא (כמבואר שם). מ'קען זיך אביסל פארשטעלן די גרויסע טירחא וואס איז געווען דארט ווען אזא גרויסע משפחה פון זיבעציג נפשות ציען און מאָפן פון ארץ ישראל קיין מצרים, יוסף האט געשיקט וועגענער צו צוהעלפן צום מצב, און 'ויסע ישראל', מ'האט זיך געצויגן מיט די גאנצע האב און גוטס, 'ויקחו את מקניהם ואת רכושם אשר רכשו בארץ כנען', איבערלאזענדיג די הייזער און קרקעות אין ארץ ישראל. אזוי זענען זיי אנגעקומען קיין מצרים אין א פרעמדע לאנד, ויבואו מצרימה יעקב וכל זרעו אתו וגו'.

ביים מאָפן איז מען אינדערמיט, נישט אהער און נישט אהין, פון די ערשטע דירה האט מען זיך שוין ארויסגעצויגן, און אינעם צווייטן דירה האט מען זיך נאכנישט 'געסעטילט', גוטע שכנים העלפן צו אביסל, זה בכה וזה בכה, יעדער פארשטייט אז ס'איז א לענגערע 'פראסיס', א לענגערע דורכגאנג ביז אלעס פאלט אין פלאץ (די מציאות איז אז ביים מאפן פארלירן זיך זאכן, ווייל ס'איז א דורכגאנג נישט אהער און נישט אהין). איז אויפן וועג האט טאקע יעקב אבינו מורא געהאט, און ער האט געשחטן קרבנות 'לאלקי אביו יצחק', און דער אייבישטער האט זיך באוויזן צו אים און געזאגט 'איך וועל זיין מיט דיר, דארפסט נישט מורא האבן'.

ארץ ישראל איז דער אייביגער קביעות'דיגע פלאץ פונעם יוד, אין ארץ ישראל איז א יוד קבוע און רואיג, דא האט מען געדארפט מאָפן צו א נייע פרעמדע פלאץ, ס'איז אלעס אויף א עראי'דיגע אופן, ווייל ס'איז 'דעתו לחזור', 'לא ירד יעקב אבינו להשתקע במצרים אלא לגור שם', און אלע וואס מ'לייגט אריין זיך אויפצובויען אין מצרים, איז נאר אויף א עראי.

אין ארץ ישראל פילט א יוד ווי ער איז אויף זיין פלאץ, אין 'חוץ לארץ' פילט ער אז ער איז 'אינדרויסן', ער איז 'בחוץ'. יעקב אבינו מאָפט פון א קביעות'דיגע מצב אין ארץ ישראל, צו א עראי'דיגע מצב אין חוץ לארץ, ער פילט אז עפעס איז נישט בסדר, ער שחט קרבנות צום אייבירשטן, דער אייבישטער באווייזט זיך צו אים און זאגט אים 'איך וועל זיין מיט דיר אין די מצב פון ירידה', און דאס האט צוריק געברענגט פאר יעקב זיין קביעות, אז דער אייבישטער איז מיט אים האט ער דאך די שטערקסטע קביעות, און אויך האט אים דער אייבישטער צוגעזאגט אז ער גייט אים צוריק ברענגען צו זיין קביעות מצב אין ארץ ישראל, 'אנכי ארד עמך ואנכי אעלך גם עלה'.

## כי גרים הייתם

א מענטש מאָפט צו א נייע פלאץ איז ער ווי א גר, ס'נעמט יארן ביז ער פאנגט אָן צו פילן אז ער איז 'א חלק פון די זאך', נאך א משהו און נאך א משהו, מ'נעמט אים אויף שיין אין די נייע פלאץ, די שכנים שיקן עפעס אריבער, מ'עקסעפט דעם נייעם שכן, מ'נעמט אים אריין אין די רינג אריין, ער איז 'נושא חן' ביים עולם,

המשך בעמוד הבא

# ענינים

המשך

ער פילט מענטשן האבן פלאץ פאר אים אין הארץ, ער פילט מער און מער אז ער איז אנגענומען. מ'גייט אריבער צום רב צום דיין, מ'פילט אז דער רב 'עקסעפט' דיך, ער נעמט דיך אריין, ברוך השם איך בין אנגענומען. ס'איז א זאך פון אסאך יארן ביז א נייער פילט זיך אין פלאץ.

די תורה וואָרענט אסאך מאל אָן אז מ'זאל ליב האבן א גר, ווייל ענק זענען דאך אליינס געווען 'גרים' אין מצרים. אויב די ביסט אליינס אדורך די ענין פון 'גירות', פארלאנגט זיך פון דיך אסאך מער זהירות אין דעם, די האסט דאך דאס אליינס געפילט אויף דיינע אייגענע ביינער. די גויים - די מצריים זענען געווען קבוע דארטן פאר הונדערטע יארן, און די יודן זענען אנגקומען דארטן ווי גרים, פון אנפאנג איז די גירות געווען א כבוד, מ'האט מען זיי אויפגענומען בדרך כבוד, ס'איז געווען א כבוד און א חשיבות פאר די מצריים, אבער שפעטער האט זיך די גירות איבער געדרייט צום שלעכטן.

מ'זעט אין די תורה אז וויפעל כבוד מ'זאל נאר געבן פאר א 'גר', איז עס נישט גענוג אנצופולן זיין 'חלל', אלץ בלייבט דער 'גר' מיט א פילינג אז ער איז א 'גר', אפילו ביז צען דורות איז עס אין די משפחה אז זיי זענען אביסל באזייטיגט (גר עד עשרה דרא וכו'). אזוי איז אויך ביי א נייע מענטש אין א פלאץ, אלץ פילט ער ווי ער אנגעוויזן אויף די אזרחים, ער פילט אנגעוויזן אויף די גנאדע פון די תושבים, און מ'קען אים אויך גוט אויסנוצן.

א 'גר' פילט זיך ווי א אנדערע מהות, ווי סאך ער פראבירט זיך צו 'קאנעקטען', גייט עס אים עפעס נישט, אלץ בלייבט ער מיט די פילינג אז ער איז נישט גענוג 'קאנעקטעט', דאס איז די מהות פון א 'גר' א גאנצע טאג. אויף דעם זאגט אונז די תורה הקדושה אז די ביסט דאך געווען א גר אין מצרים, די ווייסט גוט וויאזוי דאס שפירט, די פארשטייסט גוט דעם גר, איז אויב אזוי זיי אים מקרב און מחזק. אויב ער פילט נישט ווי א חלק פון אלעמען, איז בהכרח אז ער ווערט אסאך שנעלער ווייגעטן, איז ממילא געב עקסטערע גוט אכטונג אויף יעדעס ווארט וואס די זאגסט אים, ער קען עס גאנץ שנעל אויסטייטשן אז די ביסט אים מרחק, זיי נזהר במיוחד אין זיין כבוד.

### אלע זענען גרים

יוסף האט ארום געדרייט גאנץ מצרים, ער האט געמאכט אלעמען פאר גרים, כדי זיינע ברידערס זאלן זיך נישט פילן ווי קיין 'גרים'. אבער מיט דעם אלעמען האבן זיי זיך נאכאלץ געפילט ווי 'גרים', ווי די תורה זאגט כסדר 'כי גרים הייתם בארץ מצרים'. ווייל אפילו גאנץ מצרים זענען געווען גרים, אבער די יודן האבן בולט געווען מיט זייער גירות, מיט די יודישע קולטור וואס האט זיי אפגעטיילט עקסטער פון יעדעם, 'שלא שינו שמם לשונם מלבושם', דאס האט זיי אפגעטיילט און געמאכט אז זיי זאלן אלעמאל בלייבן ניכר און אלעמאל בלייבן 'גרים'.

ס'איז געווען א גרויסע נסיון זיך איינצושמעלצן מיטן גוי, ווער וויל דען זיך פילן ווי א 'גר' זיין גאנצע לעבן, אבער און די זכות וואס זיי האבן זיך געשטארקט און זענען געבליבן גרים, האבן זיי זוכה געווען צו ווערן אויסגעלייזט. וואלטן זיי געווארן אויסגעמישט מיטן גוי, וואלטן זיי נישט געקענט ווערן אויסגעלייזט. איז דייקא דאס וואס געווען שווער פאר זיי א גאנצע צייט, צו זיין ווי גרים, דאס האט געברענגט זייער ישועה צו קענען ווארן אויסגעלייזט.

היינטיגע צייטן טוט זיך א געמאַפּאַכץ צו נייע געגענטער, א נייע געגענט האט א מעלה אין די דאזיגע נקודה, אז אלע זענען גלייכע גרים, גרים און תושבים צוגלייך. א 'איסטעבליטש' פלאץ, ווי יעדער איז שוין דארט מסודר הונדערט און איין פראצענט, איז ווען די קומסט זיך דארטן אָן, וועסטו אלעמאל שפירן ווי א גרינער, וועסט אלעמאל בלייבן מיט די פילינג אז קיינער דארף דיר נישט האבן, די וועסטו דארפן שטיין און שוויצן אויף מוסדות און אנדערע זאכן, ווען יעדער איינער ארום דיר איז מסודר מיט אלעס.

אבער אז די גייסט צו א נייע געגענט, וואס אלע זענען גרים און תושבים צוגלייך, קיינער איז נישט הונדערט פראצענט מסודר, דארף איך דיר און די דארפסט מיר, יעדער דארף יעדעם, און יעדער איז פונקט אזוי מסודר ווי יעדעם, קען מען זיך בויען מיט א גוטע געפיל אז איך דארף צוקומען צו יעדעם, און יעדער דארף צוקומען צו מיר.

# פרשה

המשך

דאס מיינט אז דער 'נעמער' איז נישט גרייט צו זיין א 'נעמער', ער נעמט נישט גוט אריין דעם 'טיילער'.

און דאס איז די סיבה פארוואס יוסף האט אזוי ארום געשלעפט מיטן זאגן 'אני יוסף', ווייל ער האט געמוזט זוכער מאכן אז די ברידערס זענען גרייט צו זיין זיינע 'נעמער'ס', אז זיי זענען באמת גרייט אריינצונעמען זיין שפע, אריינעמען און עקספעטן אז יוסף איז דער 'טיילער', און ווען ער איז קלאר געווארן אז יא, דורכן וואס ער האט געזען די הכנעה פון יהודה צו אים, אויף אזא וועג האט ער זיך געקענט אנטפלעקן און ווערן זייער געבער און 'טיילער'.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות | **9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com



עיצוב: י.ב. 8477-413-50-972+